## יאַסי. אַבענדס, זיבן אוהר

יאַסי. אַבענדס, זיבן אוהר.
דאַטום: דריטער יענער.
אַדרעס: אַן וואָהלגעבאָרענע
פרוי מלכּה׳לע דער שיינער.

איך האַבּע דיינען ליבּן בּריוו
מיט גראָסער פרייד געלעזן,
דו בּיזט נאָך גוט און ליבּ צו מיר
פּונקט ווי דו בּיזט געוועזן.

און וואָס דו שרייבּסט מיר: „וועלוועל קרוין
לאָז אָפּ די גוטע בּרידער,
זיי מיינען נאָר דאָס גלעזל וויין
און דיינע שיינע לידער" —

איז דאָס איין אירטום, מלכּה׳לע,
דאָס זאָלסטו גוט געדענקען,
איין וואַהרער דיכטער, מלכּה׳לע,
מוז קענען זיך פאַרשענקען.

דעם ליכט, דער ליבּע און דער נאַכט,
דעם רעגן און דעם שליאַך,
דעם טרוים, וואָס האָט אים בּלינד געמאַכט,
די שטערנע אויפן דאַך.

דער ווערבע און דעם עפּלבוים,
דעם פייגלכען, וואָס פליט
און דורך דעם שענקען, מלכּה׳לע,
ווערט צייטיק ערשט דאָס ליד.

נון, האָסטו מיך פערשטאַנדן וואָהל,
נון, איז דיר אַלעס קלאָר —
איך קיסע דיינען ליבן מונד
און דיינע שיינע האָר.

איך קיסע דיינע אויגן דיר
און בלייב אויף אימער דיינער,
אין ליבע און ערגעבנהייט
וועלוול דער ציגיינער.

פּאָסט סקריפּטום: ביטע גריסע דאָרט
די פריינדע אונד בעקאַנטע
און שרייבע:
זבאַרזשער=ערנקראַנץ
יאַסי, פּאָסטע רעסטאַנטע.